בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש


פרשת במדבר
(בא"י נשא)
ה סיון
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 30
(82)




ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֵוייֶלְט אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ תובב"א, מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ט, מְחָכָם וְתָּם.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי הַקְדָּמָה פוּן רֶבִּי נָתָן: "לְהִתְוַדֵּעַ וּלְהִגָּלוֹת, אַז אִיטְלִיכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגֶען סֵפֶר אִיז קֹדֶשׁ קָדָשִׁים לוֹיטֶער סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וָוארִין דִיא מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִין דֶעם סֵפֶר שְׁטֵייעֶן הָאט דֶער צֵיילְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער קָדוֹשׁ עֶלְיוֹן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּייא שְׁטֵיין. זַיין כַּוָּנָה אִיז גֶעוֶוען אוּנְז צוּא לֶערְנֶען וִויא אַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּא דִינֶען. אוּן הַלְוַאי מִיר זָאלִין פַארְשְׁטֵיין דִיא גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אוּן דֶעם מוּסָר וָואס עֶס שְׁטֶעקְט אִין דִיא מַעֲשִׂיּוֹת. וֶועלִין מִיר זַיין פְרוּמֶע יוֹדְעִין אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף צוּא זַיין. אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אוּנְז שִׁיקֶען דֶעם גּוֹאֵל צֶדֶק בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן".

### יֶעדֶער קֶען צוּמַאכְן דִי גְמָרָא...

אֵייִדֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קנא, וְעַיֵּין בְּהַקְדָּמַת סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): **"אַזוֹי וִוי אִיר הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תּוֹרוֹת, וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת"**. אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶער מְלַמֵּד וָואס וִויל זָאגְן מוּסָר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר וֵוייסְט אוֹיבּ וֶועט עֶר זָאגְן מֶען זָאל אוֹיפְמִישְׁן אַ 'מוּסָר סֵפֶר', וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, גֵייט עֶר מִיט חָכְמָה, עֶר זָאגְט **"יֶעדֶער קֶען צוּמַאכְן דִי גְמָרָא; אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה"**, דַאן הֶערְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער צוּ, אוּן עֶר דְרֵייט אַרַיין מִיט חָכְמָה אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה אַלֶע זַיינֶע מוּסָר אוּן הֲלָכוֹת. דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי דְרַייצְן הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס וֶוער עֶס לֶערְנְט עֶס שְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים, דָאס

הַאַרְץ הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## גְרֵינְג זִיךְ צוּ טְרֶעפְן

בְּאֱמֶת הַאלְטְן מִיר אִין אַמֶערִיקֶע אִינְמִיטְן מַעֲשֶׂה יא, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְבִּיטְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אִינְמִיטְן אַ מַעֲשֶׂה, וֶועלְן מִיר פָארְלֶערְנֶען מַעֲשֶׂה ט, מְחָכָם וְתָם. וַוייל וֶוער עֶס וִויל טוֹעֵם זַיין דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיז כְּדַאי אָנְצוּהֵייבְּן פוּן דֶעם מַעֲשֶׂה, וַוייל אִין דֶעם מַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר גְרֵינְג זִיךְ צוּ טְרֶעפְן, אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

## דֶער תַּמְצִית פוּן דִי מַעֲשֶׂה

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער תַּמְצִית פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט: דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַּאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ. וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט יֶענְץ פָּנִים, עֶס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָנְכַאפְּן דֶעם שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: **"וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט, וָואס פַאר אַ ווּאוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז"**, "וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז", **"וָואס פַאר אַ הָאנִיגְ'דִיג וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"**; אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: **"אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?"** הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר; דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן; לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ"**, עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמְרֶעכֶענֶען וִויפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן וִויפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען רֵיוַוח, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: **"וָואס זָאל מִיר בַּאדֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֵיוְוח מִיַּד לְיַד?"**

## דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה

**בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה; דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין לֶעבְּן, אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

## נִישְׁט פוּן דִי צַד הַקְּדֻשָּׁה

הַיינְט אִיז דָא אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פְּרָאבְּלֶעם אִין אַלֶע חֲסִידִ'ישֶׁע יְשִׁיבוֹת, וָואס קוּמְט זִיכֶער נִישְׁט פוּן דִי צַד הַקְּדֻשָּׁה, אַז מֶען קוּקְט מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע אוֹיג אוֹיף דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, דָאס הֵייסְט מֶען קְלַאפְּט זִיךְ אַרָאפּ כְּאִילוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, **'מַיין לֵייגְן תְּפִילִין הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין', 'מַיין דַאוֶונֶען**

הֵייסְט נִישְׁט קֵיין דַאווֶענֶען', א.א.וו. און דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאשְׁלִיסְט: **"אוֹיבּ אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי, אַז גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט וֶוערְד, הֶער אִיךְ אוֹיף צוּ דַאוֶוענֶען אִיךְ הֶער אוֹיף צוּ לֵייגְן תְּפִילִין"**, - רַחֲמָנָא לִצְלָן!

### אַזוֹי וִוי דִי שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט זַיינֶע מִצְוֹת, מִיט זַיין תְּפִילִין, מִיט זַיין דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בִּשְׁלֵמוּת, אֲפִילוּ עֶס אִיז מִיט דְרֵיי עֶקְן. קוּק נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זוּךְ נִישְׁט קֵיין שְׁלֵימוּת, אַז דִי דַאוֶוענֶען אִיז אַזוֹי וִוי דִי שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן - זֵיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם, אוּן אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע, זֵיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת, **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ טוּ אָן תְּפִילִין"**, **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת"**.

### נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן

מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעקוּקְט גוּט אִין יֶעדֶע זַאךְ, דָאס אִיז אַ וִוִיכְטִיגֶע זַאךְ; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען גוּטְס אִין זִיךְ אוּן אִין זַיין וַוייבּ. אִיבֶּערְהוֹיפְּט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זִי אַלֵיינְס קֶען זִיךְ אַמָאל אָפְּרֶעדְן אוֹיף אִיר טַאטֶע מַאמֶע, זָאל מֶען נָאר אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף זֵיי, וַוייל דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַ פֵּרוּד אִין שְׁלוֹם בַּיִת.

### נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען פַארְצֵיילְן

נָאךְ זֶעט מֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה; וֶוען דֶער שְׁלִיחַ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן תָּם אַז דֶער מֶלֶךְ וִויל עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אִיז עֶר גְעוָוארְן מָלֵא שִׂמְחָה, אוּן אִיז גֶעלָאפְן זָאגְן צוּ זַיין וַוייבּ: "מַיין וַוייבּ, **דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ מִיר גֶעשִׁיקְט**", הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס אִיז דָאס, נָאךְ וָואס הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט נָאךְ דִיר?"** הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין צַייט אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, נָאר עֶר הָאט זִיךְ תֵּיכֶף מְזָרֵז גֶעוֶוען מִיט שִׂמְחָה, אוּן אִיז גֶעפָארְן מִיט דֶעם שְׁלִיחַ. לֶערְנְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן דָא אַז נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען פַארְצֵיילְן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וִויפִיל גֶעלְט מִיר הָאבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְטוּן פַאר מִשְׁפָּחָה אָדֶער קְרוֹבִים מִיט וִויפִיל אֵייגְנְס מֶען הָאט. אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר: **"וִויפִיל הָאסְטוּ? וִויפִיל מַאכְסְטוּ?"** זָאל מֶען אַלְץ עֶנְטְפֶערְן: **"גֶעלוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן צוּ דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ"** - עֶנְטְפֶערְן פַארֶעוֶוע, נִישְׁט מֶען זָאל דִיר אָנְקוּקְן וִוי אַ רַחְמָנוּת אוּן נִישְׁט מֶען זָאל זוּכְן אַרוֹיס צוּ גַנְבְ'עֶנֶען דִי גֶעלְט. מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן פְרַייוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

### זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק טַעֲנָה'נֶען

**דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'נֶען מִיט קֵיינֶעם; אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט דִיר זָאגְן אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' אַז **"דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט!"** - זָאלְסְטוּ אִים צוּשָׁאקְלֶען מִיטְ'ן קָאפּ אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק טַעֲנָה'נֶען, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִוִיכְטִיגֶע כְּלָל אִין לֶעבְּן, זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'נֶען.

### אִיךְ וֶועל זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן!

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען זַיין טַאטֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ

דֶערְוואוּסְט אַז עֶר לֶערְנְט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים, הָאט עֶר אִים גֶעטְרָאגְן צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַז דֶער צַדִיק זָאל אִים אָפְּרֶעדְן אוּן בַּאפֶעלְן זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי סְפָרִים. וֶוען דֶער צַדִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים הָאט מוֹהֲרָא"ש אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה אוּן גֶעזָאגְט: **"אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען פוּן הִימְל שְׁטִיקֶער פַייעֶר, מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים, אוּן זֵיי וֶועלְן מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים וֶועל אִיךְ זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן; וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן"**; וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן טָאקֵיי רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - מוֹהֲרָא"שְ'ס טַאטֶע: **"לָאז אָפּ דַיין זוּן, עֶר מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט"**.

## נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן מְנִיעוֹת

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶרְ'ן דִי מַעֲשֶׂה מִיט אוּנְז כְּדֵי מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען הָאט מְנִיעוֹת פוּן אַנְדֶערֶע אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: **"מִיר הָאט מֶען גֶענוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִינֶעם דוֹר, צוּ אַ מַלְאָךְ אֱלֹקִים, אוּן וֶוען יֶענֶער הָאט מִיר אָפְּגֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן - הָאבּ אִיךְ יֶענֶעם נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט; אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט בַּיי מִיר אַז אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן"**.

## דִי גְרֶעסְטֶע הַפָּצָה

וֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד רֶעדְט שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, טַעֲנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; קוּקְן אַלֶע מִיט שֶׁעצוּנְג, מֶען זָאגְט: **"דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד"**, אוּן דָאס וֶועט אַלֶעמֶען בְּרֶענְגֶען צוּ וֶועלְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַפָּצָה אִיז נָאר טֵיילְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דִי גְרֶעסְטֶע הַפָּצָה, דִי גְרֶעסְטֶע קִידוּשׁ שֵׁם רַבֵּינוּ אִיז וֶוען יֶעדֶער זֶעט וִוי שֵׁיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ אוֹיף.

## 'בְּרֶסְלֶב' אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חיזוק

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען, 'בְּרֶסְלֶב' אִיז נִישְׁט מְצֻמְצָם אִין קַיין שוּם פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט, 'בְּרֶסְלֶב' אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק. אִין 'בְּרֶסְלֶב' אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעווִיסֶע וֶועג וָואס אַלֶע דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן, אָדֶער אֵייגְנַארְטִיגֶע מִנְהָגִים בַּיים סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְכַדוֹמֶה, פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת שַׁבָּת. צוּ זַיין אַ 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶר' דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶה זַיין מִנְהָגִים וָואס מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז אֵיין זַאךְ, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז שֵׂכֶל מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אוּנְזֶער מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.